ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (New York State Department of Health)
BUREAU OF EARLY INTERVENTION (ביורא פאר פריע אינטערוועגשין)

# עלטערן מעלדונג וועגן אינשורענס

אין ניו יארק סטעיט, מוזן פריע אינטערוועגשין (Early Intervention - EI) סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו פאמיליעס פריי פון אפצאל. אבער, די ניו יארק סטעיט'ס סיסטעם פון באצאלונג פאר די פריע אינטערוועגשין פראגראם (Early Intervention Program - EIP) שליסט איין דאס באנוץ פון פאבליק אינשורענס (אזוויי Medicaid און Child Health Plus) און פריוואטע אינשורענס (אזוויי CDPHP, UHC, און אנדערע) פאר פריע אינטערוועגשין סערוויסעס. די וויכטיגע קוועלער פון געלטער העלפן פארזיכערן די אוועילעביליטי פון פריע אינטערוועגשין סערוויסעספאר צוקומפטיגע דורות.

אונטער די פאבליק העלט געזעץ, זענען פראוויידערס פון EI סערוויסעס פארלאנגט צו ערשט ביל'ן פאבליק און פריוואטע אינשורענס פאר פריע אינטערוועגשין סערוויסעס, איידער'ן ארייגעבן בילס צו ווערן באצאלט דורך אייער מוניציפאליטעט. פריוואטע אינשורענס וועט נאר ווערן געביל'ט אויב אייער אינשורענס פאליסי איז אויסגעשטעלט צו ניו נארק סטעיט געזעץ (רעגולירט). נישט-רעגולירטע אינשורענס ווערט נישט געביל'ט פאר EIP סערוויסעס.

**<u>Medicaid און פריוואטע אינשורענס:</u>**
אויב אייער פאמיליע האט ביידע, פריוואטע אינשורענס און פאבליק אינשורענס (Medicaid) דעקונג, וועלן קלעימס פאר באצאלונג פאר פריע אינטערוועגשין סערוויסעס ערשט ווערן געשיקט צו אייער פריוואטע אינשורענס און די איבריגע וועט ווערן געביל'ט צו פאבליק אינשורענס (Medicaid) פאר באצאלט. אייער קינד'ס אינשורענס פלאן וועט ווערן געביל'ט פאר פריע אינטערוועגשין סערוויסעס אויב אייער קינד'ס אינשורענס איז אויסגעשטעלט צום ניו יארק סטעיט אינשורענס געזעץ.

**<u>זאמלען אינשורענס און סאושעל סעקיוריטי נומערן:</u>**
אונטער ניו יארק סטעיט פאבליק העלט געזעץ (Public Health Law - PHL):

- <u>אייער סערוויס קאארדינעיטאר מוז זאמלען, און איר מוזט צושטעלן, אינפארמאציע און דאקומענטאציע וועגן אייער קינד'ס אינשורענס דעקונג, אריינגערעכנט פאבליק און פריוואטע אינשורענס.</u> די אינפארמאציע רעכנט אריין: דער סארט אינשורענס פאליסי אדער העלט בענעפיטס פלאן, דער נאמען פונעם אינשורירער אדער פלאן אדמיניסטרעיטאר, דער פאליסי אדער פלאן אידענטיפיקאציע נומער, סיי וועלכע סארט דעקונג אינעם פאליסי און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע נויטיג צו ביל'ן אייער אינשורענס. אייער סערוויס קאארדינעיטאר וועט ערקלערן אייערע רעכטן און פליכטן, און די שוץ וואס דער געזעץ שטעלט צו פאר פאמיליעס. [PHL§2543(3); PHL§2559(3)(a)(i)]
- אייער פריע אינטערוועגשין באאמטער מוז זאמלען, און איר מוזט צושטעלן, אייער סאושעל סעקיוריטי נומער און אייער קינד'ס סאושעל סעקיוריטי נומער. די אינפארמאציע וועט ווערן אויפגעהאלטן אויף א פארזיכערטע און געהיימע פארנעם. [PHL§2552(2)]

## <u>אינשורענס פאליסיס רעגולירט דורך ניו יארק סטעיט:</u>

**די פאלגנדע שוץ ווערט פארזיכערט אונטער ניו יארק סטעיט פאבליק העלט געזעץ (PHL) און ניו יארק סטעיט אינשורענס געזעץ ( SIL) פאר אינשורענס פלענער וואס זענען רעגולירט דורך ניו יארק סטעיט, ווען פאבליק און פריוואטע אינשורענס ווערן גענוצט צו באצאלן פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס.**

1. **די פריע אינטערווענשין סערוויסעס וואס אייער קינד דארף וועט ווערן צוגעשטעלט פאר אייער פאמיליע פריי פון אפצאל.** איר טארט נישט ווערן געבעטן צו באצאלן קאסטן פון אייער טאש, אזוויי דעדאקטיבלס אדער קא-פעימענטס, פאר סיי וועלכע סערוויסעס וואס אייער קינד און פאמיליע באקומען אין די פריע אינטערווענשין פראגראם (EIP). די פריע אינטערווענשין באאמטער (Early Intervention Officiol - EIO) וועט אויסארבעטן דאס באצאלן פון אלע קא-פעימענטס און דעדאקטיבלס. [PHL§2557(1); PHL§2559(3)(b)]
2. **אינשורירער זענען פארבאטן צו פארלאנגען געלט פאר בענעפיטס באצאלט פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס קעגן סיי וועלכע מאקסימום יערליכע אדער לעבנסלענגליכע פאליסי באגרעניצונגען ("קעפלער").** דאס מיינט אז סיי וועלכע באצאלונג וואס ווערט געמאכט דורך אייער אינשורענס פירמע פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס וועט <u>נישט</u> פארמינערן אייער פאמיליע'ס סך הכל אינשורענס דעקונג. [PHL§2559(3)(c); SIL§3235-a(b)]
3. **אינשורירער זענען פארבאטן פון רעכענען פאר סיי וועלכע פריע אינטערווענשין סערוויסעס באצאלט קעגן אייער באזוך באגרעניצונגען אין אייער פאליסי.** דאס מיינט אז פריע אינטערווענשין באזוכן וואס ווערן צוריקגעצאלט דורך די אינשורירער קענען נישט פארמינערן די צאל באזוכן וואס וואלט געווען אוועילעבל פאר אייער קינד און פאמיליע פאר העלט קעיר. [SIL§3235-a(b)]
4. **די פריע אינטערווענשין סערוויסעס וואס זענען אוועילעבל פאר אייער קינד און פאמיליע וועלן נישט ווערן באגרעניצט צו וואס ווערט געדעקט דורך אייער אינשורענס.** אייער EIO מוז מאכן זיכער אז די פאסיגע פריע אינטערווענשין סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט פאר אייער קינד, אפילו אויב אייער אינשורנעס דעקט נישט די סערוויסעס אדער אויב איר האט נישט אינשורענס. [PHL§2552(1)]
5. **אייער העלט אינשורענס פירמע קען נישט אפהאקן אדער פארפעלן צו באנייען** אייער אינשורענס דעקונג נאר צוליב דעם וואס אייער קינד באקומט סערוויסעס דורך EIP. [SIL§3235-a(d)]
6. **אייער העלט אינשורענס פירמע קען נישט העכערן אייער העלט אינשורענס פרימיומס** נאר צוליב דעם וואס אייער קינד און פאמיליע באקומען סערוויסעס דורך EIP.
7. **אייער קינד'ס בארעכטיגקייט פאר היים און קאמיוניטי באזירטע וועיווער פראגראמען וועט נישט ווערן אפעקטירט** דורכן נוצן פאבליק העלט אינשורענס (צ.ב. Medicaid) צו באצאלן פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס.באקומען פריע אינטערווענשין סערוויסעס טוט נישט אויסשליסן אנטיילנעמען אין די Medicaid 1915(c) Children's Waiver פראגראם
8. **פריע אינטערווענשין סערוויסעס אין אייער IFSP מוזן נאך ווערן צוגעשטעלט אפילו אויב איר האט נישט פריוואטע אדער פאבליק אינשורענס דעקונג.** איר קענט נישט ווערן פארלאנגט צו באקומען העלט אינשורענס דעקונג אלס באדינגונג צו אנטיילנעמען אין די EIP, כאטש אייער סערוויס קאארדינעיטאר קען אייך העלפן מיט רעפערעל און אפליקאציעס פאר פאבליק בענעפיטס, אויב איר ווילט. [PHL§2552(1); PHL§2559(1)]

**<u>אינשורענס פאליסיס נישט רעגולירט דורך ניו יארק סטעיט ווערן נישט גע'ביל'ט פאר EIP סערוויסעס:</u>**
**אויב אייער אינשורענס פלאן ווערט נישט רעגולירט דורך ניו יארק סטעיט, איז די שוץ פונעם סטעיט אינשורענס אדער פאבליק העלט געזעץ נישט גילטיג פאר אייער אינשורענס פלאן. אונטער די אומשטענדן:**

1. אייער אינשורירער קען נישט ווערן פארבאטן צו צושטעלן די פריע אינטערווענשין סערוויסעס צו אייער פאליסי'ס לעבנסלענגליכע אדער יערליכע געלט גרעניץ אדער פון פארמינערן די צאל באזוכן וואס וואלט געווען אוועילעבל.
2. אייער אינשורירער קען נישט זיין פארבאטן פון אפהאקן אדער פארפעלן צו באנייען אייער העלט אינשורענס דעקונג צוליב דעם וואס אייער קינד באקומט EIP סערוויסעס.
3. אייער אינשורירער קען נישט ווערן פארבאטן פון העכערן אייער אינשורענס פרימיומס צוליב דעם וואס אייער קינד באקומט EIP סערוויסעס.

**<u>סאבראגעישאן:</u>**
ניו יארק סטעיט פאבליק העלט געזעץ גיבט פארן מוניציפאליטעט און פראוויידער די רעכט פון "סאבראגעישאן" צו צוריקצאלן אונטער אייער פאליסי, ווי וויט די מוניציפאליטעט האט באצאלט פאר אוירלי אינטערווענט סערוויסעס אדער דער פראוויידער האט צוגעשטעלט סערוויסעס געדעקט דורך אייער פאליסי. [PHL§2559(3)(d); SIL§3235-a(c)] דאס מיינט אז סיי וועלכע באצאלונג פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס וואס ווערט געמאכט דורך פריוואטע אינשורנעס מוז ווערן געמאכט דירעקט צום פריע אינטערווענשין פראוויידער. אויב א באצאלונג איז בטעות געמאכט געווארן צו אייך, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער פריע אינטערווענשין פראוויידער(ס) און/אדער סערוויס קאארדינעיטאר פאר הילף. דאס איז וויכטיג צו פארזיכערן אז אייער פראוויידער ווערט באצאלט פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס געגעבן צו אייער קינד און פאמיליע.

**<u>דיו פראָצעס רעכטן:</u>**
עלטערן האבן די רעכט צו דיו פראצעס פראצעדורן צו שליכטן חילוקי דעות אדער קלאגעס וועגן זייער קינד'ס אוירלי אינטערווענץ סערוויסעס. די דיו פראצעס רעכטן שליסן איין די מעגליכקייט פון מידיעישאן, בעטן א דיו פראצעס הירינג, און/אדער די מעגליכקייט צו פיילן א סטעיט סיסטעם קלאגע. אלע אפציעס זענען פריווילג און אומזיסט פאר עלטערן.
[34 CFR §303.431, §303.436, §303.441, §303.434; PHL §2549; 10 NYCRR Section 69-4.17]

- <u>מידיעישאן</u> איז א פראצעס געפירט דורך א טרענירטע מידיעיטאר פון א קאמיוניטי געראנגל הילף צענטער (Community Dispute Resolution Center) וואס העלפט עלטערן און פריע אינטערווענשין באאמטער (Early Intervention Officials - EIOs) צו קומען צו אן אפמאך וועגן די פריע אינטערווענשין סערוויסעס.
- <u>יושר'דיגע הירינגס</u> ווערן געמאכט דורך הירינג באאמטער (אדמיניסטראטיווע געזעץ ריטכער באשטימט דורך די קאמישאנער פון העלט אדער באשטימטער) און ווערן אויך גענוצט צו באשליסן מחלוקת'ן צווישן אן עלטערן און אן EIO. עלטערן קענען בעטן פאר א יושר'דיגע הירינג אויב זייער קינד ווערט געטראפן צו זיין נישט בארעכטיגט פאר סערוויסעס דורך אן עוואליועיטאר אויב דער פארלאנג ווערט געמאכט אינעהאלב 6 חדשים פונעם דאטום וואס דער קינד איז געטראפן געווארן נישט בארעכטיגט.
- <u>א סיסטעם קלאגע</u> קען ווערן אריינגעגעבן אויב עלטערן גלייבן אז זייער EIO, סערוויס קאארדינעיטאר, עוואליועיטאר אדער סערוויס פראוויידער טוט נישט זיין אדער איר אויפגאבע אונטער די געזעץ אדער רעגולאציעס. דער קלאגע מוז ווערן געמאכט שריפטליך צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או העלט דירעקטאר פון די ביורא פון פריע אינטערווענשין און מוז ווערן אריינגעגעבן וויניגער ווי איין יאר פונעם דאטום פונעם באשולדיגטע פארלעצונג.

אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן די אינפארמאציע אין דעם מעלדונג, ביטע פרעגט אייער סערוויס קאארדינעיטאר אדער EIO, אדער רופט אדער אי-מעילט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או העלט ביורא פון פריע אינטערווענשין אויף 518-473-7016 אדער beipub@health.ny.gov.

NYEIS קינד
רעפערענץ #:

אינשורענס
טאול קיט אייטעם 4
**פארם B**

# ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
# BUREAU OF EARLY INTERVENTION (ביורא פאר פריע אינטערווענשין)

## קינד'ס אינשורענס אינפארמאציע

**קינד'ס נאמען/דאטום פון געבורט:** ______________________ **קינד'ס מין:** מאן ☐ פרוי ☐

**ערשטע אינשורענס אינפארמאציע:**

אינשורענס פירמע/פלאן נאמען: ______________________
אינשורענס פירמע בילינג אדרעס: ______________________
פאליסי/אידענטיפיקאציע (ID) נומער: ______________________
קינד'ס מיטגלידער ID נומער (אויב אנדערש): ______________________
גרופע #: ______________________
פאליסי האלטער נאמען: ______________ פאליסי האלטער מין: מאן ☐ פרוי ☐
פאליסי האלטער דאטום פון געבורט: ______________________
פאליסי האלטער אדרעס: ______________________
פאליסי האלטער טעלעפאן נומער: ______________________
פאליסי האלטער פארבינדונג צום קינד: ______________________

**אנדערע אינשורענס (אויב שייך):**

אינשורענס פירמע/פלאן נאמען: ______________________
אינשורענס פירמע בילינג אדרעס: ______________________
פאליסי/ID נומער: ______________________
קינד'ס מיטגלידער ID נומער (אויב אנדערש): ______________________
גרופע #: ______________________
פאליסי האלטער נאמען: ______________ פאליסי האלטער מין: מאן ☐ פרוי ☐
פאליסי האלטער דאטום פון געבורט: ______________________
פאליסי האלטער אדרעס: ______________________
פאליסי האלטער טעלעפאן נומער: ______________________
פאליסי האלטער פארבינדונג צום קינד: ______________________

Medicaid קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) (אויב שייך): ___ ___ ___ ___ ___ ___ ___ ___
(2 בוכשטאבן, 5 נומערן, 1 בוכשטאב)

______________________ ______________
עלטערן/לעגאלע היטער אונטערשריפט דאטום

**עלטערן אונטערשריפט באשטעטיגט אז די אינשורענס אינפארמאציע אויפן פייל איז ריכטיג.**

אינשורנעס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ קיין טוישונגען _____ עלטערן אונטערשריפט ______________
אינשורנעס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ קיין טוישונגען _____ עלטערן אונטערשריפט ______________
אינשורנעס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ קיין טוישונגען _____ עלטערן אונטערשריפט ______________
אינשורנעס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ קיין טוישונגען _____ עלטערן אונטערשריפט ______________
אינשורנעס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ קיין טוישונגען _____ עלטערן אונטערשריפט ______________

---

**עלטערן באשטעטיגונג אז קיין אינשורענס** (אויב שייך):

**קינד'ס נאמען:** ______________________ **קינד'ס געבורט דאטום:** ______________

איך, ______________________ (ביטע שרייבט נאמען) די עלטערן און/אדער לעגאלע היטער פונעם קינד וועמענס נאמען איז געצייכנט אויבן, טוה באשטעטיגן אז פונעם היינטיגן דאטום האט דאס קינד נישט העלט אינשורענס דעקונג. איך פארשטיי אז די באשטימטע פריע אינטערוועשין פראגראם סערוויס קאארדינעיטאר מוז מיך העלפן אידענטיפיצירן און זיך איינגעבן פאר העלט אינשורנעס פאר וואס דאס קינד קען זיין בארעכטיגט. איך פארשטיי אויך אז דאס קינד איז נישט פארלאנגט צו האבן העלט אינשורענס צו באקומען פריע אינטערוועשין פראגראם סערוויסעס.

______________________ ______________
עלטערן/לעגאלע היטער אונטערשריפט דאטום

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
BUREAU OF EARLY INTERVENTION (ביורא פאר פריע אינטערווענשין)

## קינד אינשורענס אינפארמאציע פארם אנווייזונגען

**קינד'ס אינשורענס אינפארמאציע:**

אין ניו יארק סטעיט, מוז פריע אינטערווענשין סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו פאמיליעס פריי פון אפצאל. אבער, די ניו יארק סטעיט'ס סיסטעם פון באצאלונג פאר די פריע אינטערווענשין פראגראם (EIP) שליסט איין דאס נוצן פון פאבליק אינשורענס (אזוי ווי Medicaid און Child Health Plus) און פריוואטע אינשורענס (אזוי ווי CDPJP, Empire Plan, און אנדערע) פאר צוריקצקאלן פאר פריע אינטערווענשין סערוויסעס. אונטער ניו יארק סטעיט פאבליק העלט געזעץ (PHL), <u>מוז אייער סערוויס קאארדינעיטאר זאמלען, און איר מוזט צושטעלן, אינפארמאציע און דאקומענטן וועגן אייער קינד'ס אינשורענס דעקונג, אריינגערעכנט פאבליק און פריוואטע אינשורענס.</u> די אינפארמאציע שליסט איין: דער סארט אינשורענס פאליסי אדער העלט בענעפיט פאלן, דער נאמען פונעם אינשורער אדער פאלן אדמיניסטרעיטאר, דער פאליסי אדער פלאן אידענטיפיקאציע נומער, דער סארט דעקונג און פאליסי און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע נויטיג צו ווערן באצאלט פון אייער אינשורענס. אייער סערוויס קאארדינעיטאר מוז ערקלערן אייערע רעכטן און פליכן און די שוץ וואס דער געזעץ שטעלט צו פאר אייך און אייער פאמיליע.
<u>אויספולן דעם פארם.</u>

- אייער סערוויס קאארדינעיטאר קען אייך העלפן מיט אויספולן דעם פארם.
- ביטע מאכט זיכער אז דער פארם איז אויסגפולט גענצליך און פונקטליך.
- אויב אייער קינד האט צוויי אדער מער העלט אינשורענס פאליסיס, מוזט איר צושטעלן די אינפארמאציע פאר אלע פון זיי. (ביישפילן אונטן)
    - אויב אייער קינד האט צוויי אנדערע פריוואטע אינשורענס פאליסיס, וועט איר געבן אינפארמאציע פאר ביידע פאליסיס.
    - אויב אייער קינד האט Medicaid און א פריוואטע אינשורענס, וועט איר אריינרעכענען די Medicaid קינד אידענטיפיקאציע נומער (CIN) און די פריוואטע אינשורענס אינפארמאציע.
    - אויב אייער קינד האט Medicaid Managed Care וועלן ביידע, א Medicaid קינד אינפארמאציע נומער (CIN), און די Medicaid Managed Care אינשורענס קאמפעני אינפארמאציע ווערן פארצייכענט אין די אינשורענס אינפארמאציע טייל.
    - אויב אייער קינד האט Medicaid Managed Care און א פריוואטע אינשורענס פאליסי, וועט איר אריינרעכענען די Medicaid קינד אינפארמאציע נומער (Medicaid Child Information Number - CIN), די Medicaid Managed Care אינשורענס קאמפעני אינפארמאציע, און די פריוואטע אינשורענס פאליסי אינפארמאציע.
- אייער סערוויס קאארדינעיטאר מוז איבערקוקן אייער קינד'ס אינשורענס אינפארמאציע מיט אייך כאטש יעדע פערטל יאר. אויב אייער אינשורענס טוישט זיך, וועט איר דארפן אויספולן א נייע פארם.
- ביטע לאזט גלייך וויסן פאר אייער סערוויס קאארדינעיטאר אויב אייער קינד'ס אינשורענס דעקונג טוישט זיך.

**עלטערן באשטעטיגונג אז קיין אינשורענס (אויב שייך):**

- איר מוזט אויספולן און אונטערשרייבן א באשטעטיגונג אויב אייער קינד האט נישט העלט אינשורענס דעקונג.
- א נייע באשטעטיוגנ מוז ווערן אונטערגעשריבן ביי יעדע אינדיווידואליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (Individualized Family Service Plan - IFSP) מיטינג/איבערזוכט (סיידן אייער קינד האט באקועמן אינשורענס דעקונג).
- אויב אייער קינד האט נישט אינשורענס, וועט EIP נאכאלס ווערן צוגעשטעלט צו אייך אומזיסט.
- אייער קינד איז ניש פארלאנגט צו האבן העלט אינשורענס צו באקומען EIP סערוויעס; אבער אייער סערוויס קאארדינעיטאר מוז אייך העלפן מיט אידנעטיפיצירן און זיך איינגעבן פאר העלט אינשורנעס פאר וואס אייער קינד קען זיין בארעכטיגט.

ביטע פארבינדט זיך מיט אייער סערוויס קאארדינעיטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס ביים אויספולן דעם פארם.

| |
|---|
| אינשורענס<br>טאול קיט אייטעם 5<br>**פארם C** |

| |
|---|
| NYEIS קינד<br>רעפערענץ #: |

# ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
# BUREAU OF EARLY INTERVENTION (ביורא פאר פריע אינטערווענשין)

## ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע

אין איינקלאנג מיט טייל 2559(3)(d) פון NYS פאבליק העלט געזעץ און
טייל 3235-a(c) פונעם אינשורענס געזעץ.

| | |
|---|---|
| אינשורד'ס (קינד'ס) נאמען: | דאטום פון געבורט: |
| עלטערן/לעגאלע היטער'ס נאמען: | דאטום פון געבורט: |
| אינשורענס פירמע נאמען: | אינשורענס פלענער נאמען/סארט: |
| אינשורענס פירמע נאמען: | אינשורענס פירמע טעלעפאן נומער: |
| פאליסי האלטער'ס נאמען און אדרעס: | פאליסי/ID נומער:<br>קינד'ס מיטגלידער ID נומער:<br>גרופע נומער (אויב שייך): |
| סערוויס קאארדינעיטער נאמען: | סערוויס קאארדינעיטאר אגענטור: |
| סערוויס קאארדינעיטער אדרעס: | סערוויס קאארדינעיטאר טעלעפאן נומער: |
| מוניציפאליטעט: | דאטום געשיקט צום אינשורער: |

איך בעט און ערלויב דאס ארויסגעבן פון העלט אינשורענס דאקונגע אינפארמאציע פאר די אינשורד, געצייכענט אויבן, צו מיין קינד'ס און פאמיליע'ס אוירלי אינטערוונעץ סערוויס קאארדינעיטאר, פראווידער(ס), די מוניציפאליטעט וואס פירט די לאקאלע פריע אינטערווענשין פראגראם, און די NYS דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health) און/אדער איר פריע אינטערווענשין פיסקעל אגענט.

איך ערלויב דאס אויסטויש פון אינפארמאציע צווישן די פארטייען און דער אינשורער וועמענס נאמען איז אויבן פאר די צוועקן פון העלפן קלעימן און העלפן באשליסן קלעימס פאר סערוויסעס צוגעשטעלט אונטער די פריע אינטערווענשין פראגראם:

איך שטים וייטער צו און ערלויב פראווידערס וואס געבן אריין קלעימס צו די אויבן-דערמאנטע אינשורער צו צושטעלן די אינפארמאציע וואס קען זיין נויטיג דורך דעם אינשורער צו העלפן קלעימן און באצאלונג פאר סערוויסעס צוגעשטעלט אונטער די פריע אינטערווענשין פראגראם.

דער פארלאנג גילט נאר פאר העלט אינשורענס דעקונג אונטער די אינשורד'ס פאליסי, פלאן אדער בענעפיט פעקל פאר די ציל פון ערמעגליכן באצאלן פונעם אינשורער פאר צוגעשטעלטע סערוויסעס אונטער די פריע אינטערווענשין פראגראם.

עלטערן/היטער'ס אונטערשריפט: ______________________________

דאטום אונטערגעשריבן: ______________________________